# דע־האַנס ליד

## א

אָט האָט איר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם מענטשן. אַן אַלטע שוואַרץ־און־ווייסע פֿאָטאָגראַפֿיע. אָבער מען זאָגט עס נאָר אָזוי: ״אַ שוואַרץ־און־ווייסע פֿאָטאָגראַפֿיע״. די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון יענער צייט, ווען איר גיט אַ קוק אויף זיי, זענען אַזעלכע פֿאַרברוינטע. אַ פֿילם איז דאָך אַ הייטעלע. אַ הייטעלע פֿון זילבער, אָט דאָס איז עס, וואָס עס גיט אייך איבער דעם אימאַזש פֿון אַ מענטשן, וואָס ער איז שוין לאַנג ניטאָ. ליכט און אַ זילבערן הייטעלע. באַקומט זיך – דער שאָטן פֿון אַ מענטש.



אָט האָט איר דאָס בילד. איר ווייסט, וועגן וועמען עס גייט אַ רייד? וועגן אַ פֿיגור, וואָס לעבט שאָטנדיק ערגעצוואו אין מײַן זכרון. צי מען מעג זאָגן וועגן אים ״זכרונו לברכה״ איז, מילד גערעדט, קאָנטראָווערסיעל. פֿאַראַן עד־היום אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פֿאַר אַ קדוש. רבותי, דער קדוש, ר׳ יעקב ישראל דע־האַן. אַ כשרער נאָמען פֿון אַ כשרן ייִדן פֿון די נידערלאַנדן. דעם חזנס (דעם מטופל מיט קינדער) אַ זון, און אַליין איז ער אַ פּאָעט.

די פֿאָטאָגראַפֿיע ווײַזט אים קענטיק אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. אַ מענטש אין אַ קאָסטיום פֿון אַן אַלטמאָדישן פֿאַסאָן – אפשר דעמאָלט איז עס געווען זייער עלעגאַנט, אפשר שוין אפילו דעמאָלט אַביסל אַרויס פֿון דער מאָדע. איך הייב ניט אָן צו וויסן. אַ מאַנטל, אַ קײַלעכדיער הוט. טאַקע גאָר ניט זייער ייִדישלעך. אַ פּאָליטיקער, צי אַ דיפּלאָמאַט. אָט־באַלד וועט ער זיך אַוועקזעצן מיט אַנדערע פֿון זײַן סגאַל און שמועסן פּאָליטיק, איבער אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן. אַלצדינג, וועגן וואָס עס רעדט זיך אין די פּאַפּירן, וואָס ער

פאַרמאָגט אין זיין גראָבן פאָרטפעל. ער קוקט אייך אַנטקעגן, ווי ער קוקט אויפן פאָטאָגראַף. אַזוי ווי איינער רעדט: ״איך האָב, אין תוך גענומען, קיין צייט ניט אויף אַזעלכע שטותים. איך בלייב שטיין נאָר איין רגע. מאַכט שוין אייער פאָטאָגראַפיע. מען וואַרט אויף מיר״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַן איינגעלערנטע פאָזע, פונקט ווי זיין אופן צו האַלטן אונטערן אָרעם דעם גראָבן פאָרטפעל – קיין רגע ניט אַרויסלאָזן עס פון האַנט. דאָרטן ליגן וויכטיקע פאַפירן. סטאַטיסטיק, קאָנספעקטן, סטראַטעגיעס. דער גורל פון גאַנצע לענדער און פעלקער.

דעם אמת געזאָגט, אַז איר קוקט זיך צו נעענטער, זעט איר אַ קיילעכדיק פנים אונטער אַ קיילעכדיק האַמבורג־היטל. דער גאַנצער פאַרשוין איז אַזוי פאַרקיילעכדיקט. ווי קיילעכדיקע אותיות און ציפערן אויף פאַפיר. ניטאָ קיין קנייטשן אינעם קיילעכדיקן פנים. וואָס פאַר אַ לעבן האָט געלעבט דער מענטש ביז איצט? מען פאַרשטייט ניט. דאַכט זיך, אַ שטורעמדיקס. געבונטעוועט. געוואָרן אַ לינקער. געוואָרן אַ בעל־תשובה. אָבער אַלצדינג פאַרגלעט געוואָרן, ניט איבערגעלאָזט קיין שפורן אויף זיין פנים. עס קען אויך זיין אַ פנים פון אַ בוכהאַלטער. און אפשר איז עס טאַקע אַזוי: דאָס אָנשרייבן אַ ליד נאָך אַ ליד (שטענדיק פיר־שורהדיקע), דאָס אַרויסלאָזן אַ בוך נאָך אַ בוך קען זיין אַ מין נשמה־בוכהאַלטעריע. סך־הכלען פון געפילן. חשבון הנפש. אויסרעכענען אַלע געדאַנקען, אַריינגערעכנט די זינדיקע. קרעדיט און דעביט. גאָט אַליין די נשמה שולדיק, צום סוף.

## ב

איינער וואָס גייט ביינאַכט, דורך געסלעך און הויפן, צום כותל, אַ קליין און אַ קיילעכדיק מענטשעלע, אין שיין פון דער לבנה, וואָס איז כמעט אַ פולע, ווייס לבנה־שיין און די שוואַרצע שאָטנס – די טינט וואָס די נאַכט באַשרייבט מיט איר די ווייסע שטיינער, וואָס האָט ער מורא, וואָס האָפט ער? אַז עמיצער גייט אים נאָך, איינער זאָל אים נאָכשפּירן. אַן אַראַבישער בחור אפשר? שוואַרצע קרייזעלעך, וואָס זענען אין זיין געדאַנק, דאָס ליד, וואָס ער גייט שרייבן אין דער לבנה־נאַכט, וואָס שלאָגט צום געמיט.

אַז אַ מענטש האָט מורא, האָט ער מורא פאַר עפּעס אין זיך אַליין, אַז עס גלוסט זיך אים נאָך עפּעס, גלוסט זיך אים נאָך עפּעס אין זיך אַליין. ווער האָט עס געזאָגט? עס מאַכט ניט אויס, אַלצדינג איז דאָ אינעם מענטשנס סאַמע אינעווייניק וואו עס איז ניטאָ קיין שוואַרץ און קיין ווייס, ביידע זענען אָדער אַלע קאָלירן, אָדער גאָר קיין קאָליר ניט (שוואַרץ איז דער שאָטן, דער תהום, וואָס האָט אַריינגעשלונגען אַלע קאָלירן פונעם רעגנבויגן), און די קאָלירן פון רעגנבויגן ווידער זענען נאָר אַ שמאָלע גאַמע פון שטראַלן, וואָס מיר באַנעמען מיט די שוואַכע מענטשלעכע אויגן אונדזערע. וואָסערע קאָלירן וואָלטן געזען מלאכים?

די לבנה באַשיינט אַ הויף, ווי אַ שוואַכינקער רעגנבויגן אַרום זיך. קליינע קאָליריקע פונקען אין הימל, – עס מיינט, אַז עס הייבט זיך אָן עפּעס צו בייטן דאָרטן אין דער הייך. די נאַכט איז אַ קילע, און וואָס טוט ער ביינאַכט גייענדיק דורך געסלעך און הויפן? אָפּריכטן חצות, צי וואָס? וואָס פאַר אַ שפּיל איז עס, וואָס ער שפּילט זיך אין דעם ביינאַכט? ליכט, שאָטנס, וואָס מען ווערט נעלם אין זיי און מ׳שווימט ווידער אַרויס אויפן ווייסן ברוק אין דער

לבנה־שיין, ווייסע שטיינער און שוואַרצע שטיינער האָט געהאַט דער בית־המקדש. ער גייט פון ווייסע אַריבער אויף שוואַרצע פעלדער און צוריק, ווי מען שפילט זיך אין שאָך, עמעצער שפילט זיך מיטן גורל פון לענדער און פעלקער, אָבער ווער איז ער – ער אַליין אין דער שפיל און וואָס פֿאַר אַ האַנט איז עס, וואָס פירט אים?

אָט וועט ער מאַכן שוואַרצע קרייזעלעך אויף ווייס פּאַפּיר, וואָס איז עס פֿאַר אַ שפיל, וואָס ער שפילט? אַ מענטש ווערט ניט יינגער, און די כללים פון דער שפיל פֿאַרשטייט מען ניט ביזן סוף. צי גייט מען אים נאָך? צי קוקט קיינער זיך ניט אַרום אויף אים? און אַז ער קוקט אַריין ביי זיך אין האַרצן זענען דאָ פֿאַרוויקלטע שורות. עס שיילן זיך אַרויס שורות. זיי זוכן אַ ריטעם, "איך בין דער, וואָס"... און ווייטער? ווער איז ער טאַקע?

איך בין דער, וואָס דאָביים כותל זיצט,
ווען שלאָף עס גנבהט זיך אַריין אין שטאָט,
און טראַכט: אויף ווער מען וואַרט איך איצט –
דעם מאַראָקאַנער יונג, צי גאָט?

אַזוי קומט אַרויס דאָס ליד, וואָס דע־האַן שרייבט אין די געדאַנקען מיינע, איידער ער ווערט נעלם פון זיי, אַ שאָטן, וואָס פליט אַוועק ווי אַ וואָלקנדל, פליט פֿאַרביי דער לבנה...